STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10838

# EKZODUS 1947

Itzjok Perlow

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק פערלאוו

# עקזאָדוס 1947

## פּאָעמע

## און אנדערע לידער

פארלאג „באפרייונג״ ביים צ. ק. פועלי־ציון (צ. ס.).
מינכען 1948

# טקזאדום 1947

## פּאָעמע

## 1.

פון רוסלאנד, פון פוילן, פון לעטלאנד און ליטע,
פון טשעכן, רומעניען, פון עסטרייך און דייטש,
פון טייגעס סיבירער, אָשוויענטשימער שחיטה,
פון פייער און וואסער, פון קויל און פון בייטש —

עס גייט די פארצווייפלונג, וואס יוירט, ווי אויף הייוון,
דער היימלאזער עלנט, וואס שרייט שטומערהיידט,
וועם ס'האט נישט באוויזן פארשלינגען דער אויוון
און ס'איז זייער אש נישט געווארן צעשפּרייט.

עס גייען די רעשטלעך, די שארית = האומה,
שארית = היידן פון אונטערגאנג גייט.
ווו עלטערן? קינדער? ווו פעטער? ווו מומע?—
א וועלט = טייל א גאנצע מיט קברים פארזייט.

וואס איז: שוועסטער? ברודער? וואס איז: באבע = זיידע?
וואס איז אזוינס ליבשאפט? וואס איז אזוינס היים?—
א דור פון אלמנות, א דור פון יתומים,
אין השכות, אין אנגסטן, זיי וואגלען געהיים.

און ס'קוקן די מערדער מיט בליקן פארשייטע:
צי דען האט פאר די=אָ קיין קבר געקלעקט?
וואס פויזען זיי אום אין אייראפּע באפרייטע?
און ווו איז אן ארט, ווו ס'איז פריי זיי דער וועג?—

נישטאָ איז קיין וועג, נאָר מיט אומוועגן גייט מען,
דאָס הפקרע לעבן שטעלט מען אין קאָרט.
איבער פינסטערע תהומען, בערגער פארשנייטע:
צום ברעג פון אייראָפּע, צום ים, צו א פּאָרט!

און קומט מען צום ברעג, איז א שפּיי אויף אייראָפּע,
א כראַקע אין פּנים מיט בלוט און מיט גאַל.
אין שיפן, ווי הערינג אין פעסלעך, פארפּראָפּטע,
מען שפּרינגט איבער כוואליעס, אזוי־ווי א באַל.

קרייזן די מעוועס פון אויבן און קוועלן:
„א דייזשע, א מולטער, — אויך מיר א שיף!...
נאר ס'ברוגז'ט דער ים און עס רעווען די וועלן:
דער אפגרונט איז טיף! דער אפּגרונט איז טיף!...

צום ראנד, ווו די זון גייט אויף יעדן באגינען,
טראגט זיך די דייזשע, דער מולטער, די שיף...
דער ים ווערט א בריוו־טרעגער: דעם אדרעס געפינען
און ברענגען דאס שיפל, אזוי־ווי א בריוו...

א בריוו פון גיהנום, ווו יעטווידער עולה,
אן אות איז, א פראגע, א פונקט, א געשריי: —
דאס פאלק איז דערוואָרגן געווארן אין גרוילן
און מיר דארפן לעבן און טראגן דעם וויי! — — — —

## .2

שלעפט מען קוים די ביינער און מען קומט צוקריכן,
צו א פארט א שטילן. זיצט מען און מען ווארט: —
מיט א שברי־כלי אויפן ים התיכון,
זיך לאזן, באין ברירה, אין וועג פון בלויז געפאר.

איז די וועלט א וועלטל... איז דער מענטש, א מענטשל... —
פארט מען זיך דערווייל, מען פרוכפערט זיך, מען מערט.
קיין טאטע־מאמע וויינען, קיין באבע־זיידע בענטשן,
נאר א בייכל הויבט זיך, ווי אויף הייוון יערט..

קומט א דור א נייער, קוקט ער מיט צוויי אויגן
און ווייסט צו זיין געיאגט שוין, און ווייסט צו זיין געפלאגט.
ווייסט עס נאר פון פושקעס, פון בלעכענע צו זויגן
און אווו געגעכטיקט, — דארטן נישט געטאגט.

אז געלאזן האט מען א משפחה מתים
און דער עלנט נאיעט און דער עלנט מאנט; —
פארן זיך יתומים, פארן זיך דלתים,
איז דאס קינד א המשך, גאענטס, וואס דערמאנט...

שענקט מען דיר א העמדל, שענקט מען א פאר הויזן,
שענקט מען דיר א רעקל מיט צוויי לינקע שיך; —
...און זאל דיין וועג אין לעבן, זיין באשפרייט מיט רויזן,
און צו רחלס קבר קום צופארן גיך...

## 3.

ביי יעדן מעפּיל, ווי האניק אויפן גומען,
איז פאראן א שפּרוך, א כישוף־וואָרט אזא —
זאָגט מען עס ארויס, ווערט יאוש צוגענומען
און דער בליק שיינט אויף... דאָס וואָרט איז „הגנה"...

אויף איטאליעס שניי־בערג, כאָטש שריי דאָרט הי־וקים,
אָט גליטשטו זיך אין תהום! — דערלאַנגט דיר ווער א האנט...
מען וואַרט אין פראנקרייכס פּאָרט, ווי יידן פון מצרים —
שפּאַלט א שיף דעם ים און פירט דיך צו דיין לאַנד...

אָט איז זי שוין אין סעט, די האנט די אויסגעשטרעקטע,
די ברידערלעכע האנט, אין טרערן־טאָל דאָ טיף.
אָט וועט זי פירן אונדז אויף ים־התיכון׳ס שטרעקעס,
די שיף, די אויסגעטרוימטע, פון הגנה די שיף.

די פרימאַרגנס מיינע, קיינמאָל אזוי צונטער,
האָבן נישט געפלאַקערט, האָבן נישט געברענט!...
אָט גייען די מעפּילים, פיר טויזנט פינעף הונדערט,
מיט פּעקלאַך אויף די פּלייצעס, מיט קינדער אויף די הענט...

ווער ס'האָט געזען שוין שיפן, דער שטייט און הויבט די אַקסלען:
„די שיף קען נאָר אויפנעמען ביז טויזנט מאַן, ניט מער!"
דער דור, וואָס פון טרעבלינקע איז ארויסגעוואַקסן,
זאָגט: „דאָס איז א פּאַלאַץ!... פאַר אונדז איז גאָרנישט שווער!...

ווי דער בית־המקדש אמאָל, פאַר עולי־רגל,
פלעגט געבן א צעצי־זיך, פלעגט געבן א צעשפּרייט... —
פיר טויזנט פינעף הונדערט, דורך אַלע וויסטע וועגן,
דורך דער בריק, צום שיפל, מען גייט, מען גייט, מען גייט!...

דעק „א״, „ב״, „צ״ און „דע״. — א זע: אַזויפיל דעקן!...
מיט פּריטשעס צוויי־עטאַזשנע, מיט ערטער אויפן פאָל...
נאָך א פינעף טויזנט קען מען דאָ פאַרשטעקן
און ס׳וועט די שיף צען טויזנט דערשלעפּן מיט א מאָל!...

ליגט מען זיך דאָ איין, ווי אין א שאַכטל שפּראָטן,
מיט שמחה איינגעקוועטשט זיך, מיט ליבשאַפט איינגעשפּאַרט; —
פאַרשאָלטענע אייראָפּע, גענוג דיך שוין געטראָטן,
אַט באַלד וועט זיך א ריר־טון די שיף פון „הגנה״!...

## 4.

בעווינס ים = פלאט וואכט און לויערט
און האט אונדז, ווי א הונט דערשמעקט;—
א פראנצויז קומט און באדויערט,
וואס צעשטערט איז אונדזער וועג.

ענגלאנד שיקט א שטרענגע נאטע,
דער ארויספאר איז פארווערט;—
חלוץ! אדיע מיט דער קאפאָטע!
פאראנקערט בלייבסטו צו דער ערד.

אונדזער שיפל וועט מען מארגן
פארשפארן דארט, אין א באסיין;—
זיצט די מאנשאפט פול מיט זארגן
און עס שטיקט זיי א געוויין.

נאר דער קאפיטאן דער דרייסטער,
וואס אלט איז גאנצע ניינצן יאר; —
גיט דער מאנשאפט אזא עצה,
וואס ס'קען קיין קאפ מיט גרויע האר!...

אלע שמייכלען זיי פארביטערט
און דער אומרו וואקסט און ברענט;—
אונדזער גורל ליגט פארציטערט
אין זייערע יונגע, דרייסטע הענט!

מעוועם זיינען מיר פון שוועבן,
נאכט. עס דרימלט איצטער גאט.
די שיף האט זיך א ריס געגעבן,
און דער הילף פון א פילאט!...

אוועק פון ברעג, ארויף אויף זאמדן,
צו פארצווייפלונג — בלויז איין שפאן,
נאר די ערפארנסטע פארשטאנדן,
מאכט בטול אונדזער קאפיטאן!

ער שטייט ביים רודער, גיט באפעלן
און די מאנשאפט פירט זיי אוים;—
די שיף צעוויגט זיך אויף די וועלן,
גייט אין פרייען ים ארויס!...

ים־לייט אלטע און געניטע,
ביים יונגן, לערנט זיך פארשטאנד!
קיינער האט איצט נישט קיין שליטה
איבער אונדז, אין קיינעמס ־ לאנד...

איצטער לאכט מען פון דער גאטע,
פון איר טאטן, פון איר לאנד...
און אדיע מיט דער קאפאטע,
מיט אייראפע, מיט איר שאנד!

א פרייער ווינט האט זיך צעבלאזן,
ווי געשטיקט, ביז איצט דעם פיין; —
ווישט דעם שוויים פון די מאטראזן
און ער טרינקט מיט זיי דעם וויין!...

לבנה לאכט און שטערן ווינקען
און פלעשער זיינען פיל פאראן; —
יידישע מאטראזן טרינקען,
מיט זיי — דער יונגער קאפיטאן!...

## 5.

קאפיטאן, מיר זאל זיין,
פאר דיין מינדעסטן האר,
ס'פעלט דיר אויס הונדערט־איין,
צום הונדערט־צוואנציקסטן יאר...
און דאך פילסטו דעם פיין
פון דיין עלנטן דור.

קאפיטאן, נעם מיין ליד
און צעטרעט מיט די פיס!
פאר דיין יונגקייט, עס בליט,
פאר דיין דרייסטקייט, עס פליסט!
און עס ברענט און עס בריט
מיט מיין פלאמיקסטן גריס.

קאפיטאן, ס'איז דיין ווונק,
פאר א יעדן: באפעל!
און עס ווערט אזוי גרינג
און עס ווערט אזוי העל!...
ווייל ביסט ייד... ווייל ביסט יונג
און פארברידערט דיין זעל.

קאפיטאן, דיין טאנאזש,
וואס דו פירסט צו דעם ברעג:
פון די שריפות — דער אש,

פונם שעכט־הויז — די טעג...
דו אליין ביסט מיראזש
פאר די וואגלער אין וועג...

קאפיטאן, יא, איך ווייס:
וועסט דערפירן צום ציל,
ווייל דיין אטעם איז הייס,
ווייל דיין מוח איז קיל.
און דיין מאנשאפט איז דרייסט
און זי ווייסט, וואס זי וויל!...

ווו דו גייסט, ווו דו שטייסט,
ווייסט א קינד און א מאן:
ביסט דער שטאלץ און די טרייסט,
וואס ביי אונז איז פאראן.
זיי געבענטשט און געגרויסט
קאפיטאן, קאפיטאן!

## .6

אלע פרייען זיך און לאכן,
ברענט א „הוירא” און מען זינגט
אויף א זיבן צענדליק שפּראכן...
און אין כאר = אריין עס קלינגט...

ס'איז אן אייזערנע פּאָדלאָגע.
א פּאָדלאָגע? — ס'איז א דעק!...
און עס טאנצט א דור-הפלגה,
פון ווו די וועלט האט נאר אן עק..

מאראָקאנער, אפריקאנער
און מאדזשארן אן א צאל...
טערק, פראנצויז, אמעריקאנער,
סיביראק און שפּאניאל....

מארבע = כנפות'דיקע יידן,
פיל לשונות, איין געזאנג....
אלע האט צונויפגעטריבן
נאר איינ-איינציקער פארלאנג...

זיטן און מנהגים וויפל? ..
נאר ביי יעדן איין פארשטאנד!
אלע אויף איין בידנער שיפל,
פון איין פאלק און צו איין לאנד!...

## 7.

דער פרימארגן קומט א בלאסער
און נאך בלאסער ווערט די פרייד:
פון ערשטן פליעסק נייטראלע וואסער,
א קריגס־שיף שווימט נאך און באגלייט.

דוכט, געוועזן שוין מצליח,
בייגעקומען שוין די נויט; —
שווימט נאך בעווינס א שליח,
ווי א שטן און באגלייט.

שלים־מזל אונדזערער, שלים־מזל,
געמיינט: געלאזן דיך ביים ברעג!...
ווידער אונדזער רו באגזלט
און באגלייטסט אונדז אינם וועג!

אין יבשה ניט פארזונקען,
ארויס פון קרעמאטאריע־פלאם; —
ווער־זשע איצטער דא דערטרונקען
מיט דער קריגס־שיף אויפן ים!

שלים־מזל האלט זיך ביי די זייטן:
— איר האט מיך, ברידערלעך דערקענט!...
מיר שווימען איצטער פון דערווייטן,
נאר מירן געבן זיך די הענט!...

## 8.

ווי רייסט מען קברים אויף די ים'ען?
גיי פארשטאפּ דאס מויל דעם ווינט!
אָ, זע: א וואגלענדיקע מאמע,
גייט שוין שעה'ן לאנג צו קינד!

און די כוואליעס, אויף צו להכעיס,
שפּרינגען פון דער הויט ארויס;—
ווארפט די שיף זיך אין קדחת,
דער מאמען גייט די קרעפטן אויס.

און ווען עס האט די נאכט פארשלונגען
דאס ערשטע, קינדערשע געשריי; —
אלע קעפּ — אראפּגעזונקען.
הענט — געבראכן זיך אין וויי.

ווישט די שוועסטער, צארט, ווי סאמעט,
דאס רויטלעך - קינדעריש געזיכט; —
אויף דער ערד, עס ליגט די מאמע
און צוקאפּנס ברענט א ליכט.

אויף דיין טאכטער, מוטער רחל,
ווארט גישט, בענק גישט אין דער שטיל — — —
מיין לאנד, נעם אויף איר קליינעם יתום,
אונדזער יונגסטן מעפּיל!

## 9.

מעת־לעתן גייען דא פּאַטראָלירן
מיט די נעכט און מיט די טעג,
צוויי קינדער אויף דער שיף געבוירן
און דאָס דריטע איז אין וועג...

ווער קען פרייען זיך באַצייטנס?
אַז עס איז פאַרשטערט די פרייד:
דער שלים־מזל פון דערוווייטנס,
אויף דער קריגס־שיף אינדרויסן באַגלייט.

אַפּטמאָל שווימט ער צו גאָר נאָענט
און ער וואַרנט און ער דראָט;—
פייפן קינדער קוויטשען פרויען,
מענער חוזקן מיט שפּאָט.

דער ראַדיאָ־הילכער מעלדעט נייעס,
קלינגט אַ ליד אין דעם אוויר:
„מיר קומען־אָן ירושלים,
„פאַר דיין פאָלק, פראַל אויף דיין טיר!״ — — — —

זאָגט אַ גלויביקער זיך תהילים,
קרעכצט אַ פרוי, אַ קינד עס קלאָגט;—
מעפּילים, מעפּילים,
עס דערנענטערט זיך דער טאָג!...

## .10

צווישן אונדז און פאַלעסטינע,
הענגט, ווי אַ פאַרהאַנג אַ מעת־לעת;—
וואָס־זשע רוט דאָ נישט די שכינה?
וואָס־זשע גלויבט מען נישט אין נס?

דער שלום־מזל שפּילט אויף נערוון:
ווערט ער צוויי און פיר און זעקס!...—
גרייט מען פּושקעלעך קאָנסערוון,
קאַרטאָפל, פלעשער, שטיקער קעקס—

דאָס זיינען אונדזערע האַרמאַטן,
דאָס איז אונדזער אַרסענאַל,
קעגן שיפן מיט פּיראַטן,
וועלכע גרייטן איבערפאַל.

זעקס מחבלים, קריגס־באַוואָפנט,
ביז די ציין און ביזן ברעם;—
זיי זיינען אונדז דעם וועג פאַרלאָפן
און זיי נעמען אונדז אין קלעם!

אויבן קרייזן עראָפּלאַנען,
רעפלעקטאָרן פלייצן שיין;—
גיי, פאַרשטיי דעם טייוולס פּלאַנען,
קעגן שיף פון נויט און פּיין!

א סירענע ט׳זיך צערעוועט
און זי יאמערט און זי קלאגט;—
שטילער! דוכט זיך, עס רעדט בעווין...
לאמיר הערן, וואס ער זאגט.

וואס ער זאגט דער שיף פון עלנט,
דער שיף פון גרויל, פון שטומען וויי:
— איך בין דער, וואס אין די וועלן,
האב דערטרונקען דעם „גראף שפעי”!...

גיט זיך אונטער דא מיט גוטן,
כ׳רעד אין נאמען פון געזעץ!—
עס צעברויזן זיך די בלוטן,
מיר ווארפן זיך, ווי פיש אין נעץ.

— נאנט איז פאלעסטינע = וואסער,
דארטן וועט איר נישט אריין!—
מעפילים ווערן בלאסער,
גיסט דער בליק זיך אן מיט ווייז.

— כ׳גיב אייך צייט, זיך צום באקלערן,
גאנצע אנדערהאלבן שעה!—
אויף קיין קרעכץ און אויף קיין טרערן,
איז אצינד קיין צייט נישטא.

מאכט מען צוימען, באריקאדן,
רעטונגס=שיפלעך הענגען גרייט...
מיט קארטאפלנע סנאריאדן
אויף דער דעק ארויף מען גייט.

יעדער ווייסט געגוי זיין פאסטן.
זיינע אויפגאבן — באקאנט!
בעסער זאל דאס לעבן קאסטן,
איידערווידער גלות=שאנד!

## 11.

פארט מיט אונדז א יונגער גלח,
פון אמעריקע דא מיט;—
אָפּצווישן דעם מהלך
צווישן קריסט און צווישן ייד...

זען מיט זיינע אויגן ביידע,
דעם גאַל־כום איבערפולט, וואס פלייצט...
דערפאר, וואס ס'האט מיין עלטער־זיידע
יעזוס־קריסטוסן געקרייצט...

אויפן האלדז — פון גאלד א צלם
און א תהילים'ל אין האנט;—
בעט ער גאט פאר אונזער עולם,
פארן אנקומען אין לאנד...

העלפט ער באריקאדן בויען,
גרייט אליין זיך צו דער שלאכט,
מוטיקט מענער, טרייסט די פרויען,
מונטערט, הייטערט און ער לאכט...

עולם גרייט זיך, עולם פיבערט,
אז עס קלינגען אזש די ציין,
ס'איז א האלבע שעה אריבער,
א שעה צו דעם, וואס ס'דארף געשען!

פון א יאר, די שעה איז גרעסער,
די שטילקייט שרייט און מאנט און רופט! —
נעם אין האנט ־ אריין א מעסער,
שטעק אין געשפאנטקייט פון דער לופט!

## .12

עס האט זיך לבנה באהאלטן,
זי וויל מער קיין עדות ניט זיין,
די נאכט האט דעם אטעם פארהאלטן
און שלינגט יעדעס ווינטעלע איין.

ווי אין א פארכישופטער מעשה,
וויגט זיך פאראויס אונזער שיף,
די שוימיקע וועלן די ווייסע,
מורמלען: דער אפגרונט איז טיף! — — — —

דער וויזער פון זייגער באוועגט זיך,
די מעטע פון שעה נישט דערגרייכט; —
עפעס אין אים דארטן קרעקט זיך
און אויבן, דער ציפערבלאט בלייכט...

פלוצלונג, ווי ס'שפרינגט א היענע
אויף רויב, מיט די נעגל און ציין; —
צעיאמערט האט זיך א סירענע
און ווייסט נישט, צו וועמען אליין!...

א שליידער זיך גיט און א שמעטער
די שיף און א ווארף און א דריי! —
עס פאלן פון פריטשעס די ברעטער
און ס'פאלן די מענטשן מיט זיי!

פון מיילער פיר טויזנט פינף הונדערט,
רייסט זיך ארויס, ווי איין קול,
דער קלאג פון א פאלק, וואס גייט אונטער
אין פינסטערן תהום מיט א מאל.

איין שליידער — און באלד איז געווארן
פארוואנדלט די שיף אין געשריי,
ס'האבן מאמעס די קינדער פארלארן
און ברעכן די הענט זיך אין וויי!

עס גווינט זיך, אין נאכט, צו דעם הימל,
יללה, אזוי־ווי א שרויף,
די מענטשן בהלה'דיק ווימלען
און קלעטערן העכער ארויף.

און ווידער א שטויס און א שליידער,
אין חושך עם פלאטערן הענט; —
מיר האבן אויף ים'ען, אויף ווייטע
דעם ווארשעווער געטאָ דערקענט!

און היטלערס חילות אין דרויסן,
פארלענדן, וואס נאך גישט פארלענט! — — — —
די שיף ווערט געשליידערט, געשטויסן,
עס קרעכצן און פלאצן די ווענט!

עס פלייצט שוין דאס וואסער דורך שפארעס,
מיט א פארצוקנדן ברום,
עס ברעכן און שיטן זיך נארעס
און שווימען אין וואסער ארום.

און מאמעס, זיי זוכן די קינדער
און קינדער, זיי שרייען פון גרויל!
אין חשכות נאר פונקען זיך צינדן,
פון א דורכפליענדער קויל.

ס'דערהויבט זיך געשטיקטער געיאמער
פון סאמע דער אונטערשטער דעק,
ווו ס'רייסן די פינסטערע שטראמען
אלץ, וואס עס איז נאר אין וועג.

עס שפרינגען מאטראזן פון דעקן:
— יידן! איר טרינקט זיך נישט! כ'שווער!
דאס ווילן זיי אונדז נאר אפשרעקן
און שפריצן מיט וואסער... נישט מער!...

א יאמער, ווי פון קאטאקאמבעס,
ווי פון א פארשפונטעטער פאס; —
עס רייסן און צינדן זיך באמבעס
און פול איז די שיף שוין מיט גאז.

עופה'לעך קליינע זיך צאפלען,
ס'געוויין ווערט פארגליווערט אין האלדז,
עס שייערט דער גאז די שווארצאפלען,
אזוי-ווי מיט זאמד און מיט זאלץ!

פון אויבערשטע דעקן מיט גאזן,
שפרינגט מען מיט קינד אויף די הענט,
און אינטן אנטלויפט מען פון וואסער,
מען קלעטערט אויף גלייכע ווענט!

מען פאלט אויף א צווייטן ארונטער,
ער שרייט נישט, ער כאָרכלט שוין קאַם; —
אט באלד און פיר טויזנט פינף הונדערט,
גייען צום אפגרונט פון ים!

ווער פון קרעמאטאריע אנטלאפן
און פון דער גאז-קאמער ווער; —
דער טייוול דעם וועג אונדז פארלאפן
און האט אונדז געטראפן אהער!

ער האט אויפן ים אונדז געפונען,
ער שוועבט איבער אונדז און ער לאכט!
— וואס וויל נישט דער חושך צערינען?!
— וואס ציט זיך אומענדליך די נאכט?!— — —

עס שיקט דער ראדיסט עס = אָ = עס
אין פעכיקן אוויר פון נאכט;—
די וועלט האט אין קריג — לאנג פארגעסן
און יידן דערטרינקט מען אין שלאכט!

די פינסטערניש ווערט נאך געדיכטער
מיט גאז און מיט אנגסט=געשריי;—
עס יובלט דער זיגער=פארניכטער
פון דייטשישן קריגס=שיף „גראף שפעי"!...

נאך היינט ביי דער נאכט, וועט ער מעלדן:
„לאנדאן! די יידן — באזיגט!..."
און לאָנדאָן וועט לויבן די העלדן
און לאָנדאָן וועט רימען: ענטציקט!...

ענגלאנד האט נאך א נצחון,
וואס וועט באשיינען איר קרוין!...
א יידישע שיף איז צעבראכן,
פארניכטער גראף שפעי'ס ווערט באלוינט!...

אט רייסן זיך זיינע סאלדאטן
צו אונדז, אויף די לייטערס און טרעפ; —
נאר ס'פליען די פושקעס טאמאטן,
ווי באמבעס צו זיי, אויף די קעפ!...

זיי קייקלען זיך איבער, געטראפן,
און פליען אין אפגרונט=אריין,
דער ים האלט דעם פיסק זיינעם אפן
און שלינגט, ווי א וואלפיש, זיי איין.

עס קומט אן א צווייטער, א דריטער
און ציט זיך צוריק, ווי געפּלעפּט,
ווי א מעפּיל א געניטער,
דער גלה, ער צילט און ער טרעפט...

דער קאַפּיטאַן, די מאַטראָזן,
זיי לויפן אנטקעגן געפאר; —
א פּנים מיט בלוט איז באַגאָסן,
מען ווייסט נישט פון וואַנען עס שפּאַרט!

נאר ס׳רייסט זיך פון אלעמענס לונגען
ארויס א געשריי אַט־אַזאַ,
וואס האט ביז א ברעג אזש דערקלונגען:
— מוטיק מעפּילים! הוררראַ!!!

זיי טרעטן נישט אפּ פון די ערטער
און רוקט זיך דער שונא נאר אָן,
איז: „נא דיר, פאר װאַרשעווער געטאָ!"
„נא דיר, פאר זעקס מיליאָן!"

„נא, פאר מײַדאַנעק, טרעבלינקע!"
„נא דיר, פאר אוישוויץ,פּאָנאר!" — — — —
זיי ווארפן די פּושקעלעך פלינקע
און קריגן מיט קוילן דערפאר.

באַזיגער „גראַף שפּעי׳ס" איז פאַרביטערט,
געמיינט ס׳וועט ניט זיין אזוי שווער...
באַזיגער „גראַף שפּעי׳ס" איז דערשיטערט —
באַנוצט ער זיך הייסן געוועהר!

פאלט איינער, א צווייטער, א דריטער,
מען טראָגט פון דעם פראַנט אים ארויס,
עס ווערן די רייען שוין שיטער
און ס׳פעלן שוין פּושקעלעך אויס!

דער קאפּיטאַן שרייט אַ בלייבער:
— האַלטן זיך כאַטש נאָך איין שעה!
תּל־אביבער וואַסער דערגרייכן!... —
נאָר ס'איז מער קיין כּוחות נישטאָ!...

נישטאָ מער קיין פּושקעס טאַמאַטן
און ס'יאַמערט דער עולם פון טיף! — — —
עס קומען דעם שונא'ס סאָלדאַטן
אַרויף אויף דער דעק פון דער שיף!...

## .13

שטיל. נאכן גאנצן געפּילדער,
די מענטשן זיי ליגן פארשמאכט;—
עס בלויט א פרימארגן א מילדער,
א פרימארגן פון אונדזער תנך...

און פליִיצט דורך די לעבער, שפּארונעס,
פון דער צעשמעטערטער וואנט,
די לעצטע נאכט ווערט צערונען,
וואס הענגט צווישן אונדז און דעם לאנד...

ביים צעבלוטיקטן יונגל צופוסנס,
זיין זיידע עס ליגט אויף די קני,
דאס העמד אויף זיין ברוסט איז צעריסן,
ער קלאגט: „בדמיך חיי!” — — —

די שיף שלעפּט זיך קוים, ווי פארמאטערט,
קוים גיט זיך אויף וועלן א הויב; —
אנטקעגן אונדז, שוועבט און עס פלאטערט
א מעווע, ווי נח׳ס טויב...

צי טראגט זי אין שנאבל פארביסן
א גרעזל? א בלעטעלע גרין?...
צי קומט זי פון היימלאנד באגריסן
די וואגלענדע טעכטער און זין?...—

דאס איז ניט קיין טויב, נאר א מעווע,
זי ברענגט ניט קיין בשורה, קיין פרייד;—
באזינגטע, געפאנגענע זע׳מיר
און שווימען פון קרייצערס באגלייט...

עס איז יעדער חלוץ אן אבל,
געזונקען דער קאפ אויף דער האנט; —
צי זיצט ער ביי טייכן פון בבל?
צי שווימט ער צום ברעג פון זיין לאנד?— — —

## 14.

די זון פארווישט האט אלע שפורן
אויף די פּנים׳ער, פון שרעק; —
עס טונקלען זיך ביים ראנד קאנטורן
פון דעם אויסגעבענקטן ברעג...

ווער קען זיצן אין קאיוטע?
יעדער רייסט זיך אויפן דעק;—
נישט פארלירן קיין מינוטן
פון דעם חלום, פון די טעג...

דער הדר הכרמל צויבערט
און ער מיניעט און ער שיינט...
און איך — ווי משה, אויף הר ־ נבו,
וואס אין לאנד איז נישט אריין...

מיסטער דזשעק, ער שטייט און שמייכלט,
מיט זיין שטעקן ווייזט ער: — דארט,
ווו די הייזעלעך, איז חיפה...
און אין יענער זייט — דער פּארט... —

צו די קליינוואַרג, איז ער לינדער,
טיילט באַן ־ באנען, — נא דיר, עס...
נאר עס ברוגזן די קינדער:
„בעווין — היטלער!... דו — עס ־ עס!"...

און זיי כאַפּן עס גאָר קונציק
און זיי שלײדערן אין ים:
— „לא מדובשך, לא מעוקצך,
נישט דיין האָניק, נישט דיין סם!”...

## 15.

חיפה הויבט זיך, חיפה וויגט זיך,
ווי צו זען די שיף, וואס פארט!...
חיפה מיט איר ווייטיק שטיקט זיך,
אפגעשניטן פונם פארט.

ווארט א טאטע, ווארט א מאמע,
ווארט א ברודער און א פריינט,
אויף די וואגלער פון די ים׳ען,
וואס מען לאזט זיי נישט ארייַן.

נאך אזעלכע ווייסטע יארן,
קרעמאטאריע האט געברענט!—
ווילט זיך כאפן אין די ארעמס,
קושן, דריקן זיך די הענט... —

שטייען דזשעקלעך, מיט די שטעקלעך,
מיטן ביקס און רעוואלווער;—
נישט קיין מענטשן, נישט קיין פעקלעך
דורכצולאזן דא אהער.

אויף די וואסערן די שטילע,
גליטשט די שיף זיך צו דער בריק;—
אויף דער דעק, ביי די מעפילים,
גיסט זיך בלוט פון יעדנס בליק.

כאטש א יעדערן באזונדער,
גיפטיק שטעכט אין הארץ א שלאנג; —
די פיר טויזנט פינעף הונדערט
ברעכן אוים מיט א געזאנג!...

פול מיט בענקשאפט, פול מיט אומעט,
פול מיט טרערן און מיט באנג; —
נישט קיין שיף! — ס'איז אנגעשוואומען
פון גיהנום, דאס געזאנג! — —

## 16.

עס שווימט חזרה פון מיידאַנעק!
עס שווימט דער סאַלדאָ פון אָשוויענטשים!
אויף א טורעמל, א גאנעק —
פול פּאַטאָ־קארעספּאנדענטן.

אויפצוכאפּן די סענסאציע
פאר דער צייטונגס ערשטער זייט,
פאר דעם לעזער, ביי קאָליאציע —
„מערקווירדיקייטן פון דער צייט”...

אויף א סאפע, אין פאטעלן,
וועט זיך זיצן א געזינד,
זען דעם היימלאז און דעם עלנט
פון א יידיש וואגלער־קינד...

אז א בייבי וויל נישט שלאפן,
וויל נישט עסן, נאר עס שטיפט;—
וועט עס באלד די מוטער שטראפן:
„כ'שיק דיך אויף דער יידן־שיף!”...

קינד, מיין קינד! ווי זאל איך שטיקן
אין זיך דעם ווייטיק און דעם צער,
אז איך דארף דיר דא נישט שיקן,
אז דו שמאכסט מיט דיין מאמא!...

קוק ארויס, מיין קינד פון פענסטער,
גרייכן ווייט עס זאל דיין בליק;—
קומען מוז דיין טאג, דער שענסטער
אין דיין היימלאנד פול מיט גליק! — — —

## 17.

ווער ציילט דען קרבנות בעת שלאכטן?
ווער גיט זיך א חשבון דאן אפ? —
איצטער בלויז קענסטו באטראכטן
און זען, ווי מען טראגט זיי אראפ.

דזשעק, וואס אליין האט געשאסן,
דזשעק, אונדזער שרעק און געפאר,
דזשעק, וואס דאס בלוט האט פארגאסן —
דזשעק איז אצינד סאניטאר...

קארעספאנדענט! פארפ קסיר עס:
„דער בריטישער זעלנער איז צארט"...
און זשאלעווע נישט קיין פאר שורות:
„דער ייד איז נישט דאנקבאר און הארט!"...

קענסט דא נישט קיינעם דערקענען —
א רעקל עס ליגט אויפן קאפ.
א האנט, צי א פוס, צי א בגד,
בלויז הענגען פארבלוטיקט אראפ.

עס ציט זיך א שורה מיט בעטלעד,
מען טראגט, און מען טראגט ,און מען טראגט,
באלד פונם אנקום, ביז שפעטלעד,
ווען ס'בלוטיקט אין שקיעה דער טאג.

## .18

דורך א שפאליער שטעקנס,
דורך א שפאליער דזשעקס,
גייט מען פון די דעקן,
אראפ מיט דעם געפעק.

נאך אזויפיל ליידן,
און די היץ איז גרויס;—
ווילט זיך דאך ניט שיידן,
ווילט זיך נישט ארויס.

א בענקשאפט אזא טריבע
נאגט אין הארץ און מאנט:
די שיף איז טייער, ליב דיר,
די שיף איז אייגן, נאנט.

אירע ווענט פארנומען
האבן אונדזער צער
און צום ברעג דערשווומען,
די שיף פון הגנה...

כאפסט א בליק פון דרויסן
און א ווייטיק שטיקט:
— זע נאר, ווי צעשטויסן!
— זע נאר, ווי צעפליקט!

— זע נאר, ווי צעשמעטערט,
א שיף, אן אינוואליד!
עס הענגען אירע ברעטער,
ווי שמאטעס אויפן ייד...

— דאס איז אונדזער פּאלאץ?
דאס איז אונדזער ריז?
אויף איר ט'געשפּרייזט דער דלות
מיט ניין טויזנט פיס?...

צוליב אונדז, די זייטן
זיך בויקערן געלאזט... —
איצט שטייט זי פון דערווייטן,
איינזאם און פארלאזט...

זי זעט אויס: אן אלמנה,
א קראנקע, קוים זי לעבט...
איצט זעט מען די סכנה,
וואס ט'איבער אונדז געשוועבט!...

וואס וועט מיט איר ווערן
איצט, אין דזשעקס רשות?—
נישטא קיין צייט צו קלערן,
מען טרעט דיר אויפן פוס.

א הילכער ט'זיך צעגרעגערט,
ער דברט אויף עברית,
— שטילער, שטיל א רגע!
דוכט זיך, ס'רעדט א ייד:

„ליידער, צום באדויער,
מאך איך אייך באקאנט:
פאר אייך פארמאכט דאס טויער
איז פון אייער לאנד.

„עס ווארטן דא דריי שיפן,
אייך אויפצונעמען גרייט.
גוטווילינק, קיין קאפריסין
פארט אויף א שטיקל צייט".

— זייט זיך נישט מטריח!...
וואס שרייט ער אויף די ציין?...
— שטיל! ס'איז א שליח!
הייסט ער, דארף מען גיין!

— זייט נישט ייד נערוועאיש,
הערן דארף מען גוט!
אז ער רעדט העברעאיש,
איז ער פון סוכנות!

— אז איר זאלט מיך קעפן,
כ'פארשטיי נישט דעם געדאנק!
מיר צוריק אין גלות שלעפן
אויפן קארק, איז ער נישט קראנק!

מיר זיינען נישט קיין סטאדע!—
אַ ווידערשטאנד אזא!...
— ווען גוימיק, וואלט אוואדע
געזאגט אונדז הגנה!...

דער ייד ווערט אַנגעצונדן:
— ס'איז הגנה א שוואלב?
דער ישוב ליגט געבונדן
אצינדער ווי א קאלב!

דזשעק קוקט אן א שטרענגער
און האלט דעם שטעקן גרייט;—
עס ווערט דער שפאליער ענגער,
מען שטויסט זיך און מען גייט.

צעשפּיליעט מען דיין רעקל,
באַזוכט מען ביזן ביין,
מען נעמט דיר צו דאָס פּעקל
און מען הייסט דיר גיין!...

## .19

דאס איז דאס לאנד פון תנך,
וואס איך האב געלערנט אין חדר?...
צי הער איך עמלקס שפראך?
צי זיצט נאך דאָ טיטוס כסדר?... —

לך = לך זאגט מען בלע"ז.
דאס האט נאך דער זיידע באגריפן...
און איצט גייט יציאת = תש"ז
ארויף אויף דריי קנעכטישע שיפן.

מיט קראטן, מיט שטעכיקן דראט,
מיט טוכלע, פארזשאווערטע קעלער,
מיט דזשעקלעך, וואס קוקן מיט שפאט
צו אונדז אין דער טונקעלער צעלע.

און דא פילסטו אונטער דער נאז,
איז דאס לאנד, וואס עס איז דיר פארשפראכן.
ארץ זבת, חלב ודבש,
ווו הין האסט געשלעפט דיינע קנאכן...

און נאך אלע שלאפלאזע נעכט,
הונגער און דורשט און נסיון, —
ליגסטו אין קעלער פון קנעכט,
ווי א געפאנגענער וואלף און דו וואיעסט.

און נאך אלע וואגלענדע טעג
אויף דער יבשה און ים'ען; —
פאלסטו אצינדער צום דעק
און ברעכסט זיך אינגאנצן צוזאמען. — — — —

## .20

מעוועס וויגן זיך אויף וואסער,
מעוועס קרייזן אום די שיף;—
דער עקזאדוס־יידווערט בלאסער
און די בענקשאפט גראבט זיך טיף — — — —

נאר דער טייוול אין גיהנום.
איז אויף ווייצן אויך נישט קארג:
קען זיין בעסער, קען זיין שענער? —
אונדזער שיף, זי רופט זיך „פארק״...

פון אייזן איז דער „פארק״ געקאוועט
און דער אייזן איז צעגליט
פון דער זון, וואס בהרחבה
פער און שוועבל אויף אונדז שיט...

און אין קעלער פון דעם „סעדל״,
פון דעם „פארק״, איז א געשטאנק
און א היץ, ווי אין א בעדל,
אויף דער סאמע העכסטער באנק...

זיינען אלע מענטשן נאקעט
און מען רייסט זיך צו די טרעפ.
גליטשיק. — ברעכט מען האלדז און נאקן,
מען צעשמעטערט זיך די קעפ.

קומסט ארויף — פארמאכט דאס טויער.
אויפן טויער, העננט א שלאס;—
שטייט א דזשעקעלע, א גרויער,
מיט א רויט־פארשוויצטער נאז.

קומען צוויי אראפ אין קעלער —
לאזט ער צוויי ארויס צום דעק;—
ווייסטו נישט, וואס כאפן שנעלער:
לופט, צי וואסער, כאטש א לעק...

ס'איז א ריי צום קראן מיט וואסער,
און צום דוש און צום קלאזעט; —
העננט דיין העמד אויף דיר א נאסע,
פון דעם שוויים, זי קלעפט זיך פעט...

גיסט א שלונג.. כאטש צו דעם גומען
בלייבט דיין צונג נאך אלץ פארקלעפט... —
מוזסטו צריק אין קעלער קומען:
ס'ווארטן מענטשן אויף די טרעפ...

און פון קראמפן און יסורים,
בויגט מען זיך, מען קריצט די ציין!...
דזשעק ווארט אָפּ: אז דו וועסט קומען,
וועט אן אנדערער דאן גיין...

איז אין קעלער א געווימל,
מיילער פראלן זיך נאך לופט; —
איבער קראטעס, העננט דער הימל
און ער הערט נישט, ווי מען רופט.

זעט קיין בלוט פון די שווארצאפלען
ביי א מאמען, אויף איר בראך:
פארפרייעט ליגט איר קינד און צאפלט,
צונטער ־ רויט און אפגעקאכט!

אייזן גליט און אייזן זשאווערט
און פארזשאווערט איז דיין לייב...
און פארזשאווערט גליט דער אוויר
און דאס קינד דיינס און דאס ווייב...

אין גיהנום מוז זיין בעסער,
ביי דעם אשמדי, איך מיין:
דער רשע אין דעם סמאלע קעסל.
קאכט באזונדער זיך אליין... —

דא קלעבט איינער זיך צום צווייטן,
איינער אויף דעם צווייטן קריכט.
טרעטסט א פוס־אפ ביזקל ווייטיק,
יענער טרעט אויף דיין געזיכט...

צוגעשווייסט און איינגעוואקסן
צו דער דעק, ווי צוגעשמידט.
יענעמס קאפ — אויף דיינע אקסל,
יענעמס פיס — אויף דיין געמיט...

און א יאמער הענגט צעריסן,
אין דעם נעפל איינגעפרעסט; — — — —
ביז דעם אינזעלע קפריסין,
איז ניט מער, ווי איין מעת־לעת!...

איין מעת־לעת, איז ניט געפערליך...
האלט דעם קאפ נאר אויפן קארק... —
ס'איז א שיף דען?... זע, ווי הערליך:
ס'איז דאך ענגלאנדס שענסטער פארק!...

## 21.

אין ענגלאנדס גן = עדן התחתון,
דעם צווייטן מעת = לעת שוין פארשפארט, —
ווייסן מעפּילים פארשמאכטע:
ס'האט בעווין אונז ווידער גענארט!...

פון אייגענעם ברעג, אפּגעריסן.
געפעלט האט איין שפאן צו דער ערד... —
עס שווימט ניט די שיף קיין קפריסין,
דער טייוול, האט גרויליקס פארקלערט!

קאפּיטאן דזשעק תמ'עוואטע
מאכט זיך: ער ווייסט ניט וווהין...
עס שווימט אויפן קרייצער זיין טאטע
און ער ווייזט דעם וועג זיינע זין...

מענער פארברענט און באוואקסן.
פרויען צעפלאשעט, אן קאם; —
מען שליידערט צוריק אלע קעקסן,
מען גיסט אוים דעם „זופּ" אינם ים.

גיט אונזער שיף באלד סיגנאלן
צום קרייצער, וואס וואכט פון דער וויט:
„הונגער = שטרייק!" — ענטפערט מיט שטראלן
דער קרייצער: „אָ, יעס!... אל רייט!"... —

קען ער זיך בעסער נאך בענטשן?
קען ער נאך הייליקערס טאן? —
מיידאנעק, טרעבלינקע, אשוויענטשים,
שווימען אונטער דער בריטישער פאן!...

## 22.

דער עקזאדוס־ייד וועט קיינמאָל שוין נישט זאָגן,
אַז ס׳האָט פאַר אים די זון נאָך נישט געשיינט... —
פון צופיל זון, ער הערט נישט אויף זיך קלאָגן,
פאַר אַלע צייטן, סמאַליעט זי אים היינט...

...אויף יבשה קלינגען גלאָקן פון די קלויסטער
און גלחים פּרעדיקן נאָך אַלץ:
מענטשלעכקייט און ברידערלעכן יושר
ווי דאָן, ווען היטלער האָט געשניטן אונדזער האַלדז...

די טאַטעס פון די פעלקער און פון לענדער
זיי זאָרגן זיך פאַר שלום און פּראָגרעס...
דער וועלט־געוויסן ליגט ביי אונא אין אַרענדע
און מיר — אויף ים התיכון שוין דעם אַכצענטן מעת־לעת.

דער אַכטצענטער מעת־לעת, גייט אָפּ אין בלוט פון שקיעה
און מיט זיין בלוט, פאַרשפּריצט ער אונדזער דעק. — — —
דער קאַפּיטאַן אונדז רופט. ער האָט שוין אַ ידיעה.
מיר איילן זיך צו אים: וואָס וועט אונדז זאָגן דזשעק?

— מאָרגן אין דער פרי, איז די ענדע פון דער רייזע.
איך גלויב, איר האָט אַליין דעם ים שוין אויך גענוג...
עס נעמען אויף אייך צריק, גאַסטפריינטליך די פּראָווינזן
און איר וועט אויסשטייגן אין קליינעם פּאָרט דע בוק.

צעלויפן זיך אין בלוט אונדז נאדלען און זיי שטעכן,
מיר שטארקן זיך, דערשטיקן דעם געוויין:
— איר מעגט מיט שטעקנס אונדז די קעפ צעשפאלטן, ברעכן,
אין בלוטיקער אייראפע, מיר וועלן צריק נישט גיין!

און ס׳איז געווען א נאכט פון ערב עקזעקוציע.
ווער עס האט געבליפעט, ווער עס האט געברוויזט; —
נאר קיינער מאכט נישט שלום, ס׳איז קיינער נישט מרוצה
מארגן פון גהינום, אין פרייען לאנד ארויס!

זאלן זיי אונדז טרינקען, זאלן זיי אונדז שיסן,
זאלן זיי, ווי היטלער, דערשטיקן אונדז מיט גאז! — — — —
ביי אונא אין ארענדע, ליגט דער וועלט = געוויסן!...
גלהים טאדלען מארד, אונטערדריקונג, האס!...

## 23.

אין בלייכן פארטאג, פאכען פליגעלער פלינקע
פון מעוועס, וואס פליען אנטקעגן; —
עס האבן אשוויגעטשים, מיידאנעק, טרעבלינקע,
זיך ווידער אין פארט דא באגעגנט!...

די זעלביקע שטעקנס, די זעלבע סאלדאטן
פון חיפה, פון ארץ־מולדת... —
עס האט א געשריי זיך צעטראגן דורך קראטן:
— מעפילים, לא לרדת! — — — —

און ס'טראגט דאס געשריי זיך פון אלע דריי שיפן —
צעפליען פון שרעק זיך די מעוועס...
מען שרייט פון די דעקן, פון קעלערן טיפע:
— מעפילים לא לרדת! — — — —

פון איין שיף, צו צווייטער, פון צווייטער צו דריטער —
עס רופט און עס קלאגט און עס רעוועט!
עס שוועבט א געבעט אין דער לופט, אין צעגליטער:
— מעפילים, לא לרדת! — — — —

און דוכט זיך, דאס פאלק, וואס ארויס איז פון
שעכט־הויז,
ווי נישט דערשאכטן, זיך בעט עס...
פון גלות אלע, פון פינסטערע נעכט אוים:
— מעפילים, לא לרדת! — — — —

דאס בלוט פון קדושים, וואס הערט נישט אויף זידן,
טויזנט מאל טויזנט געשענדעט!
פון זעקס מיליאן קברים, עס רופט צו אונדז: — יידן!
— מעפילים, לא לרדת! — — —

פון ישוב, וואס בלוטיקט, פון חיפה־ברעג יענעם,
אויף כוואליעס, עס טראגט זיך דער קרעדאָ.
— שטארקט זיך און מוטיקט אין בעווינס גיהנום!
— מעפילים, לא לרדת! — — —

און קארעספאנדענטן אויף שיפלעך זיך וויגן,
זיי האבן זיך אלע געפעדערט; —
זיי פאטאגראפירן און זיי פארנאטירן
דעם דורות־געשריי: — „לא לרדת!"

און דורך טעלעפאנען און דורך טעלעגראמען,
דורך ראדיא, וואס כריפעט און גרעגערט:—
„זיי שרייען, נאך ניינצן מעת־לעתן אויף ים'ען:
— מעפילים, לא לרדת! — — —

און ס'ווייסט שוין דער ים אזא זוניקן ווייסן,
וואס איז צו יבשה געווענדעט...
און ברענגט אונדז פון דארטן די מוטיקסטע גריסן:
— מעפילים, לא לרדת! — — —

## .24

פראנקרייך, פראנקרייך, אין דער וויסטע,
פול מיט רשעות, פול מיט עזות;
ווי א רעטעניש נאר ביסט דו,
ווי א בליענדער אָאַזיס...

לאנד פון ליבע, לאנד פון העלדן,
לאנד פון פרייהייטס = אידעאלן; —
זאל דער טוי אויף דיינע פעלדער
און מיין ברכה אויף דיר פאלן!

לאנד פון וויין און לאנד פון טרויבן,
לאנד, ווו שיינע לידער רוישן;—
אייביק אין א ליד דיך לויבן,
וועט דאס פאלק פון די קדושים!

לאנד פון קינסטלער און פאעטן,
לאנד פון דענקער און פון טרוימער;
ס'וויל ענגלאנד אונזער שטאלץ צעטרעטן,
ווי אמאל האבן די רוימער... —

זיינען קעלערן — באסיינען,
ווו מעפילים = טרערן בריען:
— עוד לא אבדה תקותנו,
אויף זיך אומקערן קיין ציון!...

— פראנקרייך, פראנקרייך, אונזער דאנק דיר,
האסט געטרייסט און האסט געמוטיקט.
א געשאנק דיר — א געזאנג, דיר,
פון „עקזאדוס" = ייד, וואס בלוטיקט!

דעם מארטירער = פאלקס געשיכטע,
וועט דיך קיינמאל נישט פארגעסן:
באזינגען וועלן זיינע דיכטער
פארט דע בוקישע מעת = לעתן!...

## .25

ניט געגלויבט האב איך אמאָל אין חדר:
א דארן ברענט און ווערט גארניט פארברענט!... —
און דער עקזאדוס־ייד, ער ברענט כסדר,
דעם סנה דעם הייליקן, איך האב אין אים דערקענט!...

ער האט זיך דורכגעגליט אין דעם גהינום־פייער
און מיט זיין פלאג, ער ווייגט שוין גישט איין נאכט...
אין פעך־און שוועבל אטעמט ער שוין פרייער
און דעם טייוול אין דער צורה גלייך ער לאכט!...

די קינדער אונזערע, ווי שרפים׳לעך, ווי קליינע,
וואס קענען כאפן פייער מיט די הענט...
זיי זיינען קינדער פון דעם עם ־ הספר —
איז א שולע דא, זיי שרייבן אויף די ווענט...

אן הויזעלעך, אן העמדעלע, אן שיכל —
נאר קינד, איז קינד!... עס גיט א שטיף, א לאך...
אויף פופציק קינדער — איין צעפליקטער ביכל!...
און טאטעס וויצלען זיך, מען שפילט אין שאך...

מאמעס וואשן אוים די איינציקע תחתונים
און דרינגען ־ אוים דעם שוויים פון לעצטן העמד;—
און פארוווּנדערט קוקט אויף אונז דער שונא
און דוכט זיך, אז דער שונא איז פארשעמט!...

דער רויטער קרייץ דער אינטערנאציאנאלער,
אין שיף ־ שפּיטאל געשיקט האָט מעדיצין; —
שלעפּט מען יעדן טאָג, געחלשטע פון קעלער
און מען טראָגט זיי, אויף די פּלייצעס, דאָרט א הין.

דאָרט ראַנגלען פרויען זיך אין חבלי ־ לידה
און מיט א ראָק און מיט טובערקוליאָז; —
נאָר שיידן זיך מיט דער עקזאָדוס ־ ערדה,
וויל קיינער גישט! ס' וויל קיינער נישט ארויס!...

און טאָג נאָך טאָג, עס דאַנקט און ווערט פארלוירן.
צום נערוון ־ קריג, עס נעמט גאָר נישט קיין סוף; —
עס ווערן קינדער אויף דער שיף געבוירן
און גאַנץ „עקזאָדוס" ווינטשט זיך: — מזל ־ טוב!...

געבוירענע אין זיידעס און אין באַבעס,
וואָס זאָלן קברים רייסן, אויף צו האָבן גרינג...—
עס גייט אין פאַרט דע בוק דער פערטער עונג־שבת,
מען איז זיך משמח און מען זינגט...

עס קומען אָן פון ברעג, צו אונדז, טאָג ־ טעגליך,
שיפעלעך געלאָדענע מיט שפּייז...
און אין א ברויט, געפינען אָפּט איז מעגלעך
א ברודער ־ גרוס.. און פון דער וועלט, די נייס...

א צייטונג, וואָס מען לייענט איר בשתיקה,
אין ווינקל פון קלאָזעט, פארשעקטערהיידט...—
מיר פילן פון דער וועלט, אויף זיך די בליקן
און זיינען צו נסיונות נאָך מער גרייט!...

עס שווימען אָפּט פארביי דאָ פישער ־ שיפלעך,
דער פישער שיקט א גרוס אונדז און פארשווינדט.
רעפּאַרטערן מיט די פעדער און די ביכלעך,
פארוואַנדלען אונדזער שוויים און בלוט, אין טינט...

„עקזאדוס“ איז איצט אויף דער וועלט א בלאטער
און די וועלט, מיט צייטונג = מיילער, שרייט; —
בעווין הערט די וועלט,—פונקט ווי דעם קאטער,
ער זיצט נישט דא אין קעלער, ער האט צייט!...

מעת = לעתן גייען און מעת =לעתן קומען.
אין פארט דע בוק, דער איין און צוואנציקסטער
מעת = לעת!
— עקזאדוס האט די שפייז נישט צוגענומען!
— עקזאדוס הונגערט, אלס פראטעסט! —

קוקן די מעפּילים דורך די קראטן:
די שיפעלעך, זיי שווימען צריק צום ברעג,
מיט וויינטרויבן, מיט בארנעס און טאמאטן...
מיט אומרו, מיט באדויער און מיט שרעק! — — — —

עקזאדוס שאלט אין הארן פון טרעוואגע!
דעם אטעם האלט איצט איין א יעדער ייד! — — — —
בעווין טריאומפירט... עס איז ביי אים היינט חגא...
כאטש נעם א כוס אין האנט און זינג א ליד!...

## 26.

דער פיר און צוואַנציקסטער מעת־לעת אין פּאַרט דע בוק.
די פּערטע וואַך אויף וואַסערן פון פראַנקרייך! —
קען זיין, אַז בעווין האָט עס שוין געענוג:
מען שלעפּט פון וואַסער שוין אַרויס דעם אַנקער...

ס'האָט דער מאַיאָר, דער אַלטער, ביייזער ים־בער,
געמאָלדן אונדז אַ שטרענגער, אויפגעברויזט:
— מיר פירן אייך אַ צוגדער אַפּ קיין האַמבורג
און דאָרט, מיט כּח, זעצט מען אייך אַרויס!

עס קוקט די וועלט, ווי ס'פּלאַקערט אַלץ דער סנה.
עס זעט די וועלט אַ זעאונג פון דער ביבל!... —
דער חלוץ קוקט צום ברעג און זאָגט: — אַדיע,
פראַנקרייך איידעלע!... און האָב נישט קיין פאַריבל!...

און ווידער ים אונענדליכער און גרויער
און ביים מעפּיל, עס לעשט דער בליק זיך שטאַר — — —
און לויט די שטערן, זעט ער מיט באַדויער:
מיר שווימען אין דער ריכטונג צו דעם גיבראַלטאַר...

## 27.

אין גיבראלטאר — אין פיסק פון לייב... —
„עקזאָדוס" זינגט אן מורא,
ווי יונה, אין דעם אינגעווייד
פון פיש, וואס לערנט תורה...

און באלד שוין, אין דער ערשטער שעה —
„עקזאדוס" איז צעשמייכלט:
— טויזנט יידן ווינען דא
און ווילן צו אונדז גרייכן!...

זיי ליידן־מיט מיט אונדזער פיין
און פראווען היינט א תענית,
זיי ווילן אין דער שיף אריין,
ברענגען אונדז מתנות!...

פאלק, מיין פאלק! צעזייט, צעשפרייט
ביסטו און צעשפליטערט!
אין גיבראלטאר האט אויך פארזייט
א שבט, דער געוויטער!...

און ייד בלייבט ייד... און הייסער נאך
איז דא דער ייד פון שפאניען...
און דער „עקזאדוס", ווייסט ער נאך,
באפרייען ט'אים פון דאנען...

מיר נעמען די מתנות אפּ,
טייערע און שיינע!...
און שיקן א „להתראות
בקרוב בארצנו!"...

מען הויבט דעם אנקער פון דער טיף,
אויף אונדזערע געמיטער; —
און ווידער וויגט זיך אונדזער שיף,
אנטקעגן דעם געוויטער!...

און ס'שווימט „עקזאָדוס" שוין אריין
אין אכטער וואך פון וואנדער;—
ס'איז וואכעדיק שוין אונדזער פּיין,
פּונקט ווי ענגלאנדס שאנדע...

דער מוח איז פון קלערן מיד,
פון קלערן לאנגע וואכן;—
ליגט שוין דער „עקזאָדוס"-ייד
שטום און איינגעבראכן.

עס פרייט אים נישט דער ברעג, וואס גרינט,
עס פרייען נישט די מעוועס... —
מארגן איז דער יום-הדין,
אונדז משפּטן וועט בעווין!...

## 28.

ווי א מעסער א געשארפטער גלאנצט די עלבע
און שניידט זיך אין יבשה, ווי אין ברויט
...די קאפאס, די ס. ס. = מענער די זעלבע,
וואס האבן אונדז, ווי סטאדעס, דא געפירט צום טויט!

דייטשלאנד — סדום פון צוואנציקסטן יארהונדערט!
נישט געווארן ביסט איבערגעקערט!...
אט גייען פריי די הענקער און די שינדער
און הערן נישט דאס בלוט, וואס שרייט פון דרערד.

דאס בלוט פון יידן, זעקס מיליאנען ברידער!
און איצט — האסט זיך פאר אונדזער לייב צעפראלט?!—
ווען ס'וואלט אויפגעשטאנען היינט דער „פירער",
וואלט ער, בעווין, דיר געשאנקען א מעדאל!...

די שיף בלייבט שטיין דא, ווי א ביין אין גארגל:
„דא וועט איר שטיין א טאג און אפשר צוויי...
מען וועט אייך אויסלאדן ערשט איבערמארגן.
פריער לאדט מען אוים די ערשטע שיפן צוויי!"—

אנגעשפיצט ביי אונדז איז יעדנס אויער,
צו הערן כאטש א שארך פון האמבורגס פארט:
דער תליון, נאך א צוויי מאנאטן לויער,
מיט דער ערשטער שיף, וואס טוט ער דארט?!

אפשר וועט דערגרייכן א געשריי אונדז,
אפשר קומען וועט אן אנזאג, צי א רוף?
אפשר א געוויין, — אז ווינד און וויי אונדז! —
א טויבע שטילקייט הענגט דא אין דער לופט.

אין טויבער שטילקייט יאגן זיך עלעקטרי־שטראמען,
ווי אין שטעכל־דראטן פון קאצעט... —
דוכט זיך, אז איך הער א שטילן יאמער,
דוכט זיך, אז איך הער א שטיל געבעט... —

דאס יאמערט דאך מיין אייגענע נשמה,
דאס כליפעט מיין געמיט אזוי געהיים; —
דורך וויפל לענדער, איבער וויפל תהום׳ען,
האב איך געוואגלט צו א שטיקל היים?! — — —

## 29.

— די ערשטע שיף!... — מיר לויפן צו די קראטן:
די ערשטע שיף פון האמבורג, קערט זיך צוריק!...—
עס שטייען אויפן דעק נאר די סאלדאטן
און שפאטיש, פרעך, עס איז א יעדנס בליק!

און אפשר זיצן די מעפילים אין די קעלער? —
צעשרייען מיר זיך אלע מיט אמאל:
— מעפילים! מעפילים! לא לרדת! — — — —
נאר פון דער ערשטער שיף — קיין ווידערקול!

עס האבן די סאלדאטן נאר געפיפן,
געוויזן שטעקנס און געשטשירעט מיט די ציין!...
נאר איינער שווערט זיך, אז געהערט האט ער א כליפע:
פון טיפן קעלער, א פארשטיקט געוויין...

די שיף איז אפגעשווומען. עס בלייבט דער סוד פארהוילן
וואס איז געוועזן? וואס איז געשען מיט זיי? — — — —
די נאכט פאלט צו מיט פיבער און מיט גרוילן,
מארגן קומט שוין אונדזער ריי! — — — —

...דאס לעצטע מאל שוין, הויבט מען אויף דעם אנקער —
מעפילים הויבן מוטיק אויף דעם קאפ!...
אין שפיטאל מיר לאזן נאר די קראנקע
און גייען אין די קעלערן אראפ...

די וועגט זיינען מיט אויפשריפטן באהאנגען,
צום זעלנער בריטישן, א מענטשלעך ווארט;—
אפשר וועט עס צו זיין הארץ דערלאנגען?
ער וועט א וואקל־טון־זיך... אפשר פארט?

דער הילכער גיט אונדז צייט, זיך צו באקלערן,
א האלבע שעה, אויף קומען צום געדאנק... —
דער עולם שרייט, דער עולם וויל נישט הערן,
דער עולם ענטפערט מיט א כאר געזאנג...

און ס'ווייסן קינדער: נישט קיין צייט איז איצט צו וויינען,
און ס'ווייסן מאמעס: נישט קיין צייט איז איצט אויף צער,
עס קומט א שלאכט — דאס ווייסט א יעדער איינער
און יעדער איינער, גרייט די ביינער און ער ווארט! — — — —

## 30.

— צי איז ביי מיסטער בעווין היינט געבורטס־טאג?
צי פראוועט ער א שמחה היינט פון גליק?
וואס האבן הילבער זיך צעקלונגען פלוצלונג,
מיט לוסטיקער, מיט לייכטער טאנץ־מוזיק?...

— צי ביסטו נישט געווען אין קיין קאצעטן?
דערקענסטו נישט דעם נאצישן מעטאד:
דיין געשריי, ווען מ'עט דיין קאפ דיך פלעטן,
זאל נישט דערגיין צו מענטש און נישט צו גאט!...—

וואס הילכיקער עס הילכט דער הילבער אויבן,
אלץ האסטיקער דאס הארץ קלאפטביים מעפיל!
אט טראגן זיי זיך, ווי א מחנה לייבן,
אראפ אין קעלער, מיט א חיה'שן געבריל!

אויף פרוי און קינד, אויף מענטשן, ווי אויף שמאטעס,
עס טרעטן, טאפטשען הונדערטער פאר פיס; —
נאר פלוצלונג האט „התקוה", דורך די קראטעס,
ווי א שטורעם, געגעבן זיך א ריס!...

באהעלמ'ט און באפאנצערט און באשטעקנט,
באזויפט פון וויסקי און בארוישט פון דזשעז; —
זיי ווארפן זיך אויף מענטשן, וואס אויף דעקן
שמאכטן־אפ דעם זעכציקסטן מעת־לעת!...

זיי שמעטערן די שטעקנס אין געזיכטער,
ביים בלוט־שטראם יובלט דער ענגלישער עס־עס!...
און דעם יאמער, עס פארהילכט דער הילכער
מיט פריילעכן, מיט ווונדערבארן דזשעז...

אט האבן פיר, א זעכצניעריקער געפאנגען
און ווי א קאלב, איר ביי די פיס געשלעפט,
דאס בלאנדע קעפל איז אראפגעהאנגען
און געקלאפט זיך איבער אלע טרעפ...

און ס'רינט אראפ צוריק א רויטע ריטשקע,
וואס קלעבט מיט בלאטע זיך אונטער די טריט!
פרויען האבן גרויליק זיך צעקוויטשעט —
נאר פארוישט האט א שאמפאניער־ליד!...

עס ווארפן זיך מעפילים מיט די פויסטן,
אויף די שינדער מיט די בלויזע הענט!
דער קעלער איז א שעכט־הויז איצט א גרויסער:
מיט בלוט און מארך, באשפריצט זיינען די ווענט!

און רויטער ווערט די דעק און דער מעפיל — אלץ בלאסער...
און הייזעריק — דער כארכל און געוויין; —
עס האט א פלייץ־געטאן א מבול וואסער
און דער קעלער איז געווארן א באסיין!

און אין באסיין, פארוואנדלט איז געווארן
יעדער דזשעקל — אין א קראקאדיל!...—
עס וואקסט דער מוט און ס'וואקסט נאך מער דער צארן
ביי דעם בלוטנדיקן מעפיל!

זאלבעזעקסט ארויף די טרעפ מען שלעפט אים,
ווי אן אקס געפענטעטן מיט שטריק!—
אויבן שטייט ביים פאטפאן, דער קעפטען,
ער פרעגלט זיך פון נחת און פון גליק...

ביים צוג מיט קראטן — דער מאיאר, דער ים־בער,
מיט א שמייכל קוקט ער צו און זעט:
די יידן, וואס ער שלעפט פון חיפה, ביזקל האַמבורג,
פירט מען צוריק אין דייטשישן קאצעט...

און ס'שווייגט די וועלט א טויבן ־ שטומען שווייגן!
און קלויסטער ־ גלאקן וויגן זיך אלץ פרום!... —
נאר מעפּילים אין וואגאנען ־ שטייגן,
קערן זיך צו דער געשיכטע אום:

...געווען אמאל א פרעה און א המן,
עס איז געווען אמאל א רוים —
איצט וואקסט אפילו נישט אויף זיי קיין שוואמען...
און בעווין מיט זיין מאכט וועט גיין אין זעלבן תהום...

נחמו עמי, אין טעג פון צער און גרוילן!
נאר געדענקען זאלסטו אין דיין טאג פון זיג:
אזוי געפארן איז א ייד קיין ארץ ־ ישראל,
אזוי געשלעפט האט מען אין גלות אים צוריק!

סוף

עקזאָדוס־לאגער עמדען 1947.

# אין גלות־בייטרן

לידער

# עס בליען די פעלדער

עס בליען די פעלדער אין דייטשלאנד
און יעקע, ער זייט און ער שניידט.
זיין שוועסטער, זי קושט מיסטער דזשעקן
און דזשעק מורמלט צערטליך „אל - רייט!"...

עס בליען די פעלדער אין דייטשלאנד,
די פעלדער פון שחיטה און מארד,—
דערקען אונטער שפע פון תבואה,
פון מאסן-קבר, דאס ארט!...

עס בליען די פעלדער אין דייטשלאנד,
עס וויאגיעט דער טרוים ביים די - פי; —
אט שטייט ער פאר דיר דא א בלייכער
נאר זיין בליק איז נישט הי, גאר נישט הי!...

עס בליען די פעלדער אין דייטשלאנד,
די זון גיסט מיט שפע איר שיין,
ווי ס'וואלטן דאַכאַו, מאַטהאַוזען,
קיינמאל אויף ד'ערד גארנישט זיין.

עס בליען די פעלדער אין דייטשלאנד;—
אין אונדז בליט דער צארן און האס!
ער יוירט איבער פלויט פונם לאגער
און וועט באלד פארפלייצן די גאס!

# אין אַ זונטיקדיקן אָוונט...

אין זונטיקדיקן אוונט,
קלינגט דער קלויסטער = גלאָק: גלין = גלאָן...
עס טונקלען אויף דעם אנדענק = טאוול:
6.000.000
גאר פלוצלונג רייסט דער „6" זיך אפ
פון אנדענקס = טאוול, שפרינגט אראפ
אויף דעם נר = תמיד...
און ווי א מגיד, פארן עמוד,
נעמט ער וויגן זיך און וויגן
און ער דרשנ'ט מיט א ניגון:

— איר זיינט, אן מיר, זעקס מאל גארנישט,
איר זיינט, מיט מיר,, זעקס מאל גארנישט!
ווייל גארנישט הייסט דאס אליין,
וואס ס'גייט דער וועלט נישט אן!
די וועלט איז פרום און ויסטלעך,
די וועלט איז קרום און קריסטלעך,
אָ, הערט: גלין = גלאָן! גלין = גלאָן! — — — —
וואס געשטארבן, איז באגראבן,
מען וויל די איבעריקע אויך נישט האבן,
מען וויל מיט זיי דאס זעלבע טאן,
וואס מיט אונדז, די זעקס מיליאן!...

איינגעשפאנט האט מיך א קללה
אין א זעקס = רעדערדיקער עגלה —

שלעפּ! — ווּ זאָל איך אייך דערשלעפּן?
קלינגט דער קלויסטער־גלאָק — גלין־גלאָן:
אויב ס'איז דאָ נאָך צוועלף מיליאָן —
דאַרף מען זיי אויך קעפּן! — — — — —

דער נר־תמיד איז פאַרלאָשן,
זעקס מיליאָן — אויסגעדראָשן.
און איך שטיי ביי אייער זייט
און איך היט — אַ שומר־חינם,
אָן אַ ציל און אָן אַ זינען,
אין אַ קריסטלעך־ווּסטער צייט!

איך אַ וואָנד, און איר זיינט וואָנדיק.
איך בין רונד און איר זיינט רונדיק;—
וואָס־זשע שטייען מיר, ווי בעטלער דאָ צעשטעלט
און מיר וואַרטן אויף אַ דאָלער?
לאָמיר געבן זיך אַ קאָלער
איבער הורבות פון דער וועלט!" — — — — —

אין זונטיקדיקן אוונט,
קלינגט דער קלויסטער־גלאָק: גלין־גלאָן...
פון דעם טונקעלן אָנדענקס־טאָוול,
פאַרשווונדן איז די 6.000.000...
דער נר־תמיד שטאַרצט אַ שוואַרצער,
ווי די קללה אין מיין האַרצן.
שטערן צינדן זיך און פאַלן
אין דעם תהום פון מיין געמיט
און זיי ווערן אויסגעלאָשן
אין לעצטער שורה פון דעם ליד — — — —

# אונדזער עלטער־באָבע...

אונדזער אומרו רייסט זיך, ווי א הונט פון קייט
און בילט דעם עלנט אויס צום טעלערל פון הימל.
כמארעס ליגן דארט, ווי פליטים אויסגעשפרייט,
נאך וואגלעניש, אין טויבליכן און מידן דרימל.

מיר צאפלען אויף אין שלאף, פון שרעק
און בלייבן וואך די גאנצע נאכט שוין זיצן.
דוכט: ס'שלייכן שאטנס זיך מיט מעסערס און מיט העק
און דעם הימל שמייסן בליצן.

גלאצן מיר אין חושך'ס זייטן אלע פיר
אומרואיק מיט די שווארצאפלען.
דאס הארץ, ביי יעדן סקריפען פון א טיר,
ווי א טייבעלע אין בוזים צאפלט.

דערפילן מיר: פון אונדז עפעס פארשווינדט
און רייסט זיך אפ פון הארץ, פון שלאפן,
ווי א שיף געארעמט מיטן ווינט,
רייסט זיך אפ און שווימט אוועק פון האפן.

און ווייל ס'איז גאָט שוין מער נישטא ביי אונדז אין הויז
און עס לייגט זיך נישט די צונג צו תפילה —
רופן מיר, אין דמיון, איצט ארויס
אונדזער עלטער = באבע, די גאָרילע.

עלטער־באבע, וואס אין אורוואלד האסט געהויזט,
אין שטענדיקע, אין וואלדיקע געפארן, —
לערן דיינע אוראייניקלעך אוים,
אפגעהיטן זיין פון צערן.

ווי אזוי האסטו געהאט דיין רו?
דיין שלאף, אז מורא פאר באפאלן?
דיינע נעגל, ווי געשפיזט האסטו,
ביי דעם רעווען פון שאקאלן?

גאָרילע, עלטער־באבע, אויף א צווייג
פון דער דזשונגל, אין פארצייטן,—
וויגסטו זיך אצינדער און דו שווייגסט,
מיט דיין בליק פארשטאכן אין די ווייטן.

אויף דיין עבר־צווייג, דו זיצט פארטראכט,
אפשר וועגן דעם פארצוקטן זיידן? — — — —
עס ווארפט די וועלט אראפ פון זיך די נאכט
ווי פארן באדן זיך, מען ווארפט אראפ די קליידער.

# אונדזערע נעכט...

נאכט ביי נאכט, דורכן פענסטער אפענעם,
עס רוישט דער בוים מיט זיינע בלעטער.
נאכט ביי נאכט, עס קומען אן צו מיר,
ווי שאטנס, אין דער שעה דער שפעטער:
מיין פארגאזטע מאמע,
מיינע דערשאסענע שוועסטער,
מיין געשאכטענער פעטער.

זיי זעצן זיך, ווי וואגלער אויף דער דיל,
ארום מיין בעטל אין דער שטיל.
עס וויגט דער בוים די צווייגן,
די שאטנס וויגן זיך און שווייגן.

און פלוצלונג זיפצט מיין מאמע אפ,
שטיל אזוי, ווי ס'זיפצן גראזן:
— דאס איז ער, איצעלע, מיין קרוין פון קאפ,
וואס כ'האב אים אין א וועלט אזא געלאזן.

און די, וואס ליגט מיט אים דארט ליב ביי ליב.
כדת משה וישראל איז זיין ווייב.

אויף זייער התונה, בין איך נישט געווען,
אויף איר בראָך ־ שטול, כ'האב זי נישט געזען,
נישט געטרייסט און נישט געווישט דעם שוויס פון שטערן,

זי איז אליין געווען מיט איר וויי,
אליין געווען מיט איר קלערן.

און דאס פּיצעלע מיט העלע האר,
וואס ליגט אין וויגעלע, מיט אפּגעדעקטן גליד —
דאס איז פון מיר דער המשך,
אין דעם אומגליקליכסטן דור,
דעם בונד פון בלוט געשלאסן אלס א ייד.
זייער זונעלע, מיין אייניקל, אים צו לאנגע יאר!

אין יעדן עלנטן און וואגלענדן מעת־לעת,
די טויטע מאמע גייט זיי נאך און היט
און באגלייט זיי מיט דער ברכה פון א מת.— — — — —

פון קינדוויייז־אן, כ'האב מורא אלץ פאר מתים.
איך ליג אין אנגסט, אין זיבן שווייסן
און קוק דורך וויעס־שפּעלטלעך דין:
מיין פארגאזטער מאמעס פּנים מיניעט געל און גרין.
זי קניט. און ווי א כהן, האלט זי ביידע הענט
און ס'וויגט איר שאטן זיך אויף אלע ווענט.

נאר מייגע שוועסטער ברעכן אויס אין א געוויין
און פלאטערן, ווי אפּגעבריטע:
— פארוואס איז אונדז באשערט געווען אוועקצוגיין
פאר דער צייט, ווי קעלבער צו דער שחיטה?
ליידנשאפטן מיידלשע האבן מיר דערשטיקט
און די אומשולד, קנעכטיש אפּגעהיטן.
עס האט אונדז גאט קיין זיווג נישט געשיקט
און אונדזער שטאם געווארן איז פארשניטן!
וו איז אונדזער המשך, מאמע, איצט?
זאל זיין א יתום'ל, וואס עלנט דרימלט! — — —
דאס געוויין כאפּט אויף א בליץ
און טראגט אוועק צום הימל.

מיט זיין גומענער פראטעזע, מיין פעטער מאיר ־ ביל
קלאפט טעמפ און הויל אין דיל:
— נו, שא! נו, לאזט די קינדער שלאפן! — — —
ער איז איצט בלייך, אזוי ־ ווי קרייד,
ווי אמאל, אין יענער צייט,
ווען ס'איז דאס ווייב פון אים אנטלאפן.

א האן האט זיך צעקרייט ווו אין א שטייג,
דער בוים אין פענסטער, האט ארייגעשטעקט א צווייג
און ווארנענדיק צערוישט די בלעטער.
מיין פארגאזטע מאמע מיטן קאפ געבויגן,
מיינע דערשאסענע שוועסטער מיט פארוויינטע אויגן,
מיין הינקענדיקער געשאכטענער פעטער. —
ווי מרגלים הויבן זיי זיך אויף
און וואנדערן אוועק אין שעה אין שפעטער.

אויף שארן פאן, פארשטארט עס בלייבט דער בוים.
ווי א טויב געשאכטן, הענגט מיין טרוים
און צאפלט זיך ביים פענסטער, וואס איז אפן.
און אין פיבער פון געמיט,
וואכט אויף דאס ליד
פון ייד
וואס קען ביי נאכט נישט שלאפן. — — —

# אונדזערע קינדער

האסטו װען געזען די חורבות אין אייראפּע?—
אויף האלץ און אייזן, ציגל, גלאָז,
װי אויף לאנקעס, האט זיך דא צעװאקסן
זאפטיק גראז...

א יונגער בוים זױגט זיין יניקה
פון פארזשאװערט רויטן בלעך...
אויף א קוימען, רויטע בלומען
האבן זיך צעשמייכלט פרעך...

חורבות האבן זייער פרילינג,
בליען זיי מיט חורבן־חן...
און די מענטשן דא אין לאגער,
זיינען חורבות אויך אליין.

קום און זע, װי מענטשן־חורבות
בליען דא, אנטקעגן זון...
קינדער װאקסן, װי די בלומען
אויף א פענסטער, אין משוגון...

איז װאס, אז ער, דער פארטיזאנער,
האט געראטעװעט איין לונג?
און ביי איר האט ביזקל אויװן,
בלויז געפעלט איין מעטער שפרונג?...—

פון קאנסערוון = פּוּשקעס „אונרראַ'ס",
ליידנשאַפטלעך זויגט דאָס קינד...
זאַמלט כוחותלעך צום וואַגלען
מיטן ווינט — — — —

# מלאך־המות׳לעך...

איר האט אונדז משדך געווען מיטן טויט,
האבן מיר ליב אים און זעלע פארטרויט.

האט ער אין אונדז זיינע זאמען פארזייט —
פּרוכפּערט א צינדער און מערט זיך דער טויט.

א מלאך = המות׳ל קומט אויף דער וועלט,
אין באלד אויף די פיס זיך אנידערגעשטעלט.

באלד שוין געשפּאנט איבער שטאט, איבער לאנד.
ער דארף נישט קיין העמד, נאר א שווערד אין
דער האנט.

און מלאך = המותלעך מערן זיך גיך,
זיי דארפן קיין וויקעלעך, דארפן קיין שיך.

זיי שפּאנען שוין דרייסט און זיי שפּאנען געניט
און זינגען פון שניטער אין אסיען דאס ליד...

און ווו מיר א גרענעץ? און וואס מיר א באן?
און ווער דארף א שיף, איבער דעם אקעאן?

זיי גרייכן אין דערפער, זיי גרייכן אין שטעט,
צום טיש ביי דיין מאלצייט, אין שלאף ביי דיין בעט.

און ווי נאר ס'דערהערן זיך זייערע טריט —
פארגלאצט מען די אויגן, מען שפאנט מיט זיי מיט.

ווערט וויסט אין די דערפער, ווערט וויסט אין די שטעט-
קומט איר פארצווייפלט צו אונדז און איר בעט:

— פארוואס מכות = בכורות? מיר לאזן אייך אפ!
זוכט אייך א משה, א יידישן קאפ...

און שפאלט אייך דעם ים און דעם מדבר נעמט צו
און לאזט אונדז, אייראפעישע מצרים צו = רו!

מיר האבן געמיינט, אז א טויט אויף דער ערד,
ווערט גישט געפרוכפערט און ווערט נישט געמערט.

און קומט נישט אויף אונדזערע קעפ מער צוריק,
אזוי = ווי א כמארע פון היישעריק!...

— איר האט אונדז משדך געווען מיטן טויט? —
איצט האבן מיר אייך זיינע קינדער פארטרויט! — —

# ווי ערב־באשאפן!...

ווי אטאמען, שפאלטן זיך די רגע׳ס,
אונדזער צארן יווירט אריבער ברעגעס.

אונדזער צארן, פון דעם פיין ווערט גרעסער,
געקרעפטיקט ווי דער וויין אין קעלער = פעסער.

אט באלד ארויסזעצן עס וועלן אלע שפונטן
און א פלייצ = געבן אויף אלע בייזע גרונטן!

וועט זיך טראגן איבער דרערד א שטורעם
פון אונדזער פיין און אונדזערע יסורים.

וועט ער אויסרייסן מיט ווארצלען אלטע בוימער,
וועט ער אפרייסן די דעכער און די קוימענס.

וועט ער איבערקערן שיפן אויף די ימען,
וועט ער איינהילן די שטעט מיט רויך און פלאמען.

פעלזן וועלן קראכן און זיך שפאלטן
און איר וועט זוכן זיך אן ארט, ווו צו באהאלטן.

דאס ציטערדיקע פעלעכל פארשטונקענס,
דאס טונקעלע געוויסן, דאס פארזונקענס!

פון געפייניגטע נישט לייכט איז צו אנטרינען —
אין טיפסטע היילן, וועט ער אייך געפינען,

וועט ער אייך דעריאגן און צעטראגן,
אז נישט דערזען איר זאלט די שיין פון טאג!

פון נח'ס מבול, גרעסער ט'זיין דער שטורעם
פון אונדזער צארן און פון אונדזערע יסורים.

— וואָס וויל דען יידיש בלוט און טרערן ים'ען?
— אויב אומקומען, איז נאר מיט אייך צוזאמען!

ווי שמשון האט די זיילן אנגענומען
און צוזאמען מיט די פלישתים אומגעקומען!

ווי אטאמען, שפאלטן זיך די רגע'ס,
אונדזער צארן יוירט אריבער ברעגעס.

מארגן וועט דער טייוול שטיין און גאפן:
די ערד זעט אוים, ווי ערב איר באשאפן! — — — —

# צאָרן

כ'וויל זינגען דאָס ליד, וואָס מײַן פֿאָלק האָט ביז הײַנט,
קיינמאָל נאָך, קיינמאָל געזונגען.
דאָס ליד, וואָס דער ייִד האָט געהערט נאָר פֿון פֿײַנט
און ס'האָט פֿרעמד אין זײַן אויער געקלונגען.

כ'וויל זינגען דאָס ליד הײַנט פֿון צאָרן און האַס
און שיקן די ווערטער, ווי שפּיזן!
דאָס ליד פֿון דעם ייִד פֿון דער געטאָשער גאַס,
וואָס פֿאַרניכטן אים, ר'האָט נישט באַוויזן...

ווּ נעם איך די ווערטער צום ליד? די מוזיק?
ווּ נעם איך די שרײַיִקע פֿאַרבן? —
אין שוידער אַ פֿאַרגליווערטן ייִדישן בליק,
וועלכער קומט אין דער גאַז אַ קאַמער שטאַרבן!

אין די יסורים פֿון צאַפּלענדן קינד,
וואָס איר האָט צעריסן אויף צווייען.
אין קאַסטער פֿון גופֿים, וואָס פֿלאַקערט אין ווינט,
ווײַל דער אויוון קען מער נישט פֿאַרדײַען.

ביים גרוב, ווי געזשאַלעוועט האָט איר אַ קויל
און לעבעדיק ייִדן פֿאַרשאָטן.
אין די געדערימלעך, אונטער דער זויל,
פֿון זויג אַ קינד, וואָס איר האָט צעטראָטן.

אין בליקן ענטוישטע פון די, וואס איר האט
באפרייט פון דעם מלאך־המות,
בכדי איצט אליין מיט חוזק און שפאט
טרייבן מיט זיי א קאטאוועס.

אין שיפלעך צעפוילטע, אין שטורמישע טעג,
מיט די מעפילים אויף ימען,
ווען איר טרייבט זיי פון היימלאנד, אזוי ווי איר פלעגט
צעשיידן א קינד פון דער מאמען.

אין די קאצעטן פון דייטשלאנד אצינד
און אין דעם קאצעט פון קאפריסין.
אין יידישן עלנט, אין וויי און אין ווינד
און אין אייער שווארצן געוויסן!

און וו א מגפה און וו נאר א בראנד
און וו ס'ווערט דערשטיקט א יללה,
וו ס'שטעקט אונדזער האלדז און וו ס'שטעקט אייער האנט,
וו ס'הענגט נאר א פינסטערע קללה —

דארט נעם איך דעם ריטם, דארט נעם איך דעם גראם,
דארט נעם איך פאר אייך איצט דעם ניגון,
פאר מיין ליד, וואס איז זיס, ווי פון „ציקלאן" דער סם,
וואס זאל אייך צום שלאף שוין פארוויגן!

און ווען דער שלאף וועט נישט קומען גאר שנעל,
זאל ער זען, דורך פארחלשטע וויעס,
עם פלאקערט זיין שטאט און עם ברענט שוין זיין שוועל,
זיינע קינדער זיך וויגן אויף תליות!

עם ווערן זיין פרוי און זיין טאכטער געשענדט
דורך שיכורע הורדעס יוונים; —
ביז ער דערקענט דארט די אייגענע הענט
און דעם אייגענעם, פינסטערן פנים!...

דאס פנים, אין וועלכן איך כראקע און שפּיי,
און שארית = הפליטה שפּייט: אמן!
ווי קין צו הבלען, אירט שרייען: פּארציי!
נאר פארשאלטן וועט זיין אייער נאמען.

און שארית = הפליטה, צום גילדערנעם ברעג,
שווימט אויף די זילבערנע ים׳ען.
עס טאנצן אנטקעגן איר זוניקע טעג
און פלעכטן אין ליד זיך ווי גראמען...

איז זינג איך מיין ליד אייך פון צארן און האס,
געבוירן אין מיינע יסורים; —
אין וויסטער אייראפּע, ווי אין א פוסטער פאס,
זאל עס הילכן — אן אוראלטער שטורעם!

היידנהיים 1947

מוזיק: ל. פּאַלמאַן



1.

זאָל הערן די וועלט, זאַל זי גאַפן פאַרוווּנדערט
און פלאַקערן זאַל, ווי א פלאַם:
דאָס ליד פון מעפּילים, פיר טויזנט, פינף הונדערט,
וואָס קעמפן אויף כוואַליעס פון ים.

עס קומט פון גהינום,
פון גאַז און פון האַס,
דער ייד פון עקזאָדוס,
יציאת ת׳ש׳ז.
ער גייט צו באַפרייונג,
צום היימלאַנד, צום ברעג,
קיין ארץ־ישראל
צו ליכטיקע טעג.

2.

ערשט נעכטן ארויס פון היטלערס אָשוויענטשים׳ס
און קוים שוין דערגרייכט צו דעם ברעג: —
פאַריאָגט הינטער קראַטן צוריק אָט די מענטשן,
אין שווימענדע תפיסות, האַט דזשעק.

עס קומט פון גהינום,
א. א. וו.

3.

זיי רויק, מיין פאָלק: דיינע זין, דיינע טעכטער,
הינטער די קראַטן פאַרשפּאַרט,
שיצן דיין כבוד מיט העלדנמוט עכטער —
מעפּילים — דיין אוואַנגאַרד!

עס קומט פון גהינום,
א. אַ. וו.

4.

אויף דייטשישער ערד דאָ, מיר שווערן, מיר שווערן:
דערטראָגן מיט שטאָלץ אונדזער פאַן!
אָ, היימלאַנד, דו וועסט אונזער טראָט נאָך דערהערן,
דעם זינגענדן טראָט, וואָס זאָגט אָן:

עס קומט פון גהינום,
פון גאַז און פון האַס,
א. א. וו.

לאַגער פּאַפּענדאָרף, 1947.

# אינהאלט:

## 1. עקזאָדוס 1947


| קאפיטל | זייט |
|---|---|
| 1. עס גייט די פארצווייפלונג | 5 |
| 2. אין פּאָרט | 7 |
| 3. די שיף פון הגנה | 8 |
| 4. אָן א פּילאָט | 10 |
| 5. קאַפּיטאַן, קאַפּיטאַן! | 12 |
| 6. מארבע כנפות | 14 |
| 7. דער שלים = מזל | 15 |
| 8. ווי רייסט מען קברים אויף ים׳ען? | 16 |
| 9. מעת = לעתן | 17 |
| 10. אין קלעם | 18 |
| 11. דער גלח | 20 |
| 12. די שלאכט | 22 |
| 13. א פרימארגן פון תנ״ך... | 28 |
| 14. קאָנטורן פון ברעג... | 30 |
| 15. היפה... | 32 |
| 16. חזרה פון מיידאַנעק | 34 |
| 17. קרבנות | 36 |
| 18. דורך א שפּאליער שטעקנס... | 37 |
| 19. לך = לך | 41 |
| 20. אין ענגלאנדס פּאַרק... | 43 |
| 21. אונטער איר פּאָן!... | 46 |
| 22. דער 18=טער מעת = לעת | 48 |
| 23. לא לרדת!... | 51 |
| 24. פראנקרייך!... | 53 |

| קאַפּיטל | | זייט |
|---|---|---|
| 25. | דער דאָרן ברענט!... | 55 |
| 26. | אין פּאָרט דע בוק | 58 |
| 27. | אין גיבראַלטאַר | 59 |
| 28. | אויף דער עלבע | 61 |
| 29. | די ערשטע שיף!... | 63 |
| 30. | אויסלאדונג | 65 |

אנגעשריבן אין „עקזאָדוס"-לאגער עמדען 1947.

## 2. אין גלות־בייערן

| לידער | | זייט |
|---|---|---|
| 1. | עס בליען די פעלדער | 71 |
| 2. | אין א זונטיקדיקן אוונט | 72 |
| 3. | אונדזער עלטער־באָבע | 74 |
| 4. | אונדזערע נעכט | 76 |
| 5. | שארית־הפליטה־קינדער | 79 |
| 6. | מלאך־המות'לעך | 81 |
| 7. | ווי ערב באשאפן... | 83 |
| 8. | האס און צאָרן | 85 |

אנגעשריבן אין היידענהיים־ברענץ. 1947.

## פון זעלבן מחבר, ביז היינט דערשינען

### פאָלגנדע לידער־ביכער:

1) „פרוגזא ווערדע" ווארשע 1932
2) „אונטערגאנג" ווארשע 1934
3) „אונדזער ליקוי־חמה" מינכען 1947

### אין קורצן דערשיינט:

1) „דורך זיבן גיהנומ'ס" נאוועלן
2) „די מענטשן פון עקזאדוס" ראָמאן
3) „אונדזער רעגנבויגן..." לידער
4) „שטערן פאלן" — ראָמאן פון אקטיארישן לעבן.